STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04006

# INDIVIDUELE UN SOTSIALE FRAYHAYT

Samuel Ber Wiener

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ווינער

# אינדיווידועלע און סאָציאַלע פרייהייט

(קאַפּיטלען פון א גרעסערער ארבעט)

איקוף פארלאג

ניו יאָרק, 1952

S. WIENER

# Individual and Social Freedom

Published by YKUF
1952

209

PRINTED IN THE U.S.A.

אינדיווידועלע און סאָציאַלע פרייהייט

ש. ווינער

קיין שום וואָרט איז דעם היינטצייטיקן מענטש ניט אַזוי טייער, נישט אַזוי פיל אויף די ליפּן, ווי דאָס וואָרט פרייהייט. שוין זינט די אוראַלטע צייטן האָבן מענטשן פאַר פרייהייט געקעמפט, זיך געראַנגלט, געוועזן גרייט דאָס לעבן צו געבן.

וואָס־זשע אַזוינס מיינט דאָס וואָרט פרייהייט?

קאָן זיך לכתחילה אויסדאַכטן, אַז דאָס וואָרט פרייהייט רעדט שוין גענוג קלאָר פאַר זיך אַליין, וואָס קלערער קאָן שוין גאָר נישט זיין. צו וואָס נאָך פירושים?

ווייזט זיך אָבער באַלד אַרויס, אַז דער ענין פרייהייט איז שוין גאָרנישט אַזוי פּשוט, ווי ס'קאָן אויפן ערשטן בליק זיך אויסדאַכטן.

צו זאָגן, למשל, וועגן אַ מענטש סתם אַזוי, אַז ער איז נישט פריי, איז נישט גענוג — ס'וועט דערצו אויך נייטיק זיין צו דעפינירן אין וואָס פאַר אַ זין ער איז נישט פריי. אַ מענטש איז נישט פריי, אַשטייגער, ווען ער איז אין תפיסה, ווען ער איז אין אַ צרה און קאָן זיך אַליין קיין עצה נישט געבן ווי זיך צו העלפן. אומפריי, קאָן מען אויך זאָגן, איז אַ שקלאַף, אָדער איינער, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט. אָבער פונקט אַזוי נישט פריי איז אויך יענער, וואָס איז אַ קרבן פון אַן אומקאָנטראָלירטן, צערייצטן טעמפּעראַמענט, אָדער דער וואָס קאָרטשעט זיך אין דרייען אין די קלעשטשעס פון צעפלאָשעטע עמאָציעס, פון ליידנשאַפטלעכער אויפגערעגטקייט.

הכלל, אַלצדינג, וואָס באַגרעניצט דעם מענטשנס

ווילן און מאַכט אים אָפּהענגיק — דערלאָזט אים נישט פריי זיין. בכן, אויב מ׳זאָל דערפון וועלן דרינגען, אַז פרייהייט מיינט די אָפּוועזנהייט פון יעטווידער באַגרע־ניצונג, פון יעדער צוואַנג; אַז פרייהייט איז די מאַכט צו טאָן אַלצדינג, וואָס ס׳פאַלט איינעם איין אין קאָפּ אַריין, — וועט אַזאַ געדאַנק זיין גאַנץ ווייט פון ריכטיק.

די אידייע פון פרייהייט באַהערשט נישט נאָר דאָס אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע לעבן פונעם מענטש. די פרייהייט־אידייע איז פּונקט אַזוי אויך פול און מעכטיק אומעטום אינעם טאָג־טעגלעכן סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן פונעם מענטש.

דער אַרבעטער, למשל, פאָדערט זיין פרייהייט זיך צו אָרגאַניזירן, צו קאָנען פירן קאָלעקטיווע פאַרהאַנד־לונגען, אָדער צו סטרייקן. קומט פון דער צווייטער זייט דער באַלעבאָס און באַשטייט אויף זיין פרייהייט צו באַ־שעפטיקן וועמען ער וויל. איז דען די פאַבריק נישט זיין אייגנס, זיין פּריוואַט־אייגנטום? הויז־אייגנטימער האַלטן, אַז מ׳באַרויבט זיי פון זייער פרייהייט, ווען מ׳דערלאָזט זיי נישט פאָדערן אַזאַ דירה־געלט ווי זיי ווילט זיך. אַנטיסעמיטן פאָדערן פאַר זיך פרייהייט צו העצן קעגן יידן. לינטשערס פאָדערן פאַר זיך פריי־הייט צו אָרגאַניזירן טעראָר און דיסקרימינאַציעס אַנט־קעגן נעגערישן פאָלק. האָט דען נישט היטלער, ימח שמו וזכרו, געפאָדערט אין נאָמען פון פרייהייט דאָס רעכט צו פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק און פאַר־שקלאַפן אַלע אַנדערע פעלקער? היינט וואו איז פריי־הייט פון געדאַנק און געוויסן, פרייהייט פון פּרעסע, רעליגיעזע פרייהייט. בפרט יענע פרייהייט, וואָס איז אַזוי טיף איינגעבאַקן אינעם האַרץ פונעם קאַפּיטאַליסט

— פרייע אונטערנעמונג. און וואָס איז מכוח די קאָלאָניאַלע און אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע פאָדערן זייער פרייהייט און אומאָפהענגיקייט פונעם וועלט־קאַפיטאַליזם.

היינט ווי־זשע איז דאָס מעגלעך טאַקע, אַז דאָס וואָס איז פרייהייט פאַר איין גרופּע, זאָל גאָר זיין אומ־פרייהייט פאַר אַ צווייטער? בעתן בירגער־קריג אין אַמעריקע צו באַפרייען די נעגער־שקלאַפן, האָבן ביידע צדדים אין קאַמף געטענהט, אַז זיי קעמפן פאַר פרייהייט. אויף דער העכסטער אָקטאַווע אָבער האָבן וועגן פרייהייט געגוואַלדעוועט דווקא די דרומדיקע שקלאַפן־האַלטער. וועגן דעם ווי ס'איז מעגלעך, אַז איינס און דאָס זעלבע וואָרט זאָל פאַר יעדן צד אין קאַמף מיינען פונקט דאָס פאַרקערטע, האָט לינקאָלן, דער גרויסער באַפרייער פון די נעגער־שקלאַפן, אויפגעוויזן אין זיינער אַ רעדע וועגן פרייהייט אין סאַמע מיטן ברען פון קריג. אין זיין רעדע וועגן דעם דאָזיקן ענין ברענגט ער אַזאַ בילדלעך־טרעפלעכן משל:

„דער פאַסטוך פאַרטרייבט דעם וואָלף פונעם שעפעלעס האַלדז, פאַר וועלכן דאָס שעפעלע דאַנקט דעם פאַסטוך ווי זיין באַפרייער, בעת דער וואָלף פאַרדאַמט אים פאַר אָט דעם זעלבן אַקט, ווי אַ צעשטערער פון פרייהייט, בפרט נאָך ווען דאָס איז געווען אַ שוואַרצע שאָף. פשוט, דאָס שעפעלע און דער וואָלף קאָנען צווישן זיך נישט אָפמאַכן וועגן אַ דעפיניציע פאַרן וואָרט פרייהייט“.

וואָס־זשע, באמת, מיינט דאָך דאָס וואָרט פרייהייט?

צווישן די פאַרשידנערליי באַדייטן, וואָס דאָס

וואָרט פרייהייט האָט אין דער פילאָזאָפיע, האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי קאָנצעפּציעס: פון איין זייט אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע פרייהייט, פרייהייט פון נעם ווילן, וואָס ווערט געוויינלעך אָנגערופן „פרייער ווילן“ (בחירה חפשית); און פון דער צווייטער זייט — סאָציאַלע פרייהייט, די פרייהייט זיך אויסצואווירקן אינעווייניק אין דער געזעלשאַפט, פרייהייט אין שייכות מיט דער אויטאָריטעט פון דער געזעלשאַפט. געוויינלעך איז אָנגענומען, אַז פרייער ווילן מיינט צו האָבן די מאַכט צו טון עפּעס־וואָס נישט ווערנדיק דעטערמינירט דערצו דורך אַ וואָסער ס׳איז סיבה, ד. ה., צו האָבן די מאַכט יאָ אָדער נישט צו טון עפּעס־וואָס, צי דער שכל באַרעכטיקט עס יאָ אָדער נישט, צו טון דאָס אָדער עפּעס אַנדערש, איין זאַך אָדער אַן אַנדער זאַך אונטער איין און די זעלבע אומשטענדן.

דער דאָזיקער אויסטייטש פונעם וואָרט פרייהייט, אַז דער מענטש האָט די ברירה אויסצוקלייבן צווישן עטלעכע מעגלעכע טואונגען, און אַז יעדער אויסוואַל זיינער מוז נישט דווקא דעטערמינירט ווערן דורכן שכל — אָט די דאָזיקע אידייע איז פון צייט צו צייט אַרויסגערוקט געוואָרן דורך געוויסע פילאָזאָפן אין כלערליי פאָרמען. אָבער ווער ס׳זאָל נישט האָבן אַרויסגערוקט דעם דאָזיקן געדאַנק, צי דאָס איז געווען עפּיקור אָדער דעקאַרט אָדער בערגסאָן, איז ביי זיי פרייער ווילן שטענדיק געווען אַן אַבסאָלוטע מאַכט, אַ כוח וואָס לאָזט נישט צו קיין שום באַגרעניצונגען, אַ כוח וועלכן ס׳פאַרמאָגט בלויז דער מענטש, יעדער מענטש. פרייער ווילן איז ביי זיי אייגנטלעך געווען אָט דאָס, וואָס שיידט דעם מענטש אויס פון אַלע אַנדערע בעלי־חיים, וועלכע זיי־

נען אונטערגעוואָרפן דעם דעטערמיניזם. זיי האָבן דעריבער געטענהט, אַז איינע פון די פּריווילעגיעס פאַרנעם מענטשן איז דער פאַקט, וואָס ער איז פריי אין דעם זינען, אַז ער קען טון אַקוראַט דאָס, וואָס אים געפעלט, נישט רעכענענדיק זיך צי זיין טואונג האָט אונטער זיך אַ שכלדיקן גרונט אָדער נישט, ווי ס׳שטייט געשריבן: „איש כל הישר בעיניו יעשה“.

דער פאַקט איז, אַז די דאָזיקע אַבסטראַקט־ליבעראַלע „פרייער ווילן“־אידייע, ווי זי שטייט און גייט, איז בפירוש אַנטי־סאָציאַל און האָט טאַקע, דעריבער, קיינמאָל נישט געאַרבעט. אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער איטלעך איינער וואָלט געטון אַלצדינג, וואָס נאָר ס׳פאַלט אים איין, אָן שום שכלדיקן גרונט, הערט איינגאַנצן אויף צו זיין אַ געזעלשאַפט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַנאַרכיע. אַזאַ אַנאַרכיע וואָלט געמיינט ענטוועדער מלחמה פון אַלע קעגן אַלע, אָדער גאָר — אַפּאַטיע.

קומען מיר איצט צו סאָציאַלער פרייהייט. לויט דער ליבעראַלער טעאָריע פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, וועלכע איז פאָרמולירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער דעקלאַראַציע וועגן מענטשלעכע רעכט און דער אַמעריקאַנער דעקלאַראַציע וועגן אומאָפּהענגיקייט, איז סאָציאַלע פרייהייט באַטראַכט געוואָרן ווי איינע פונעם מענטשנס רעכט, וואָס קאָן נישט אָפּגעפרעגט ווערן און איז הייליק. זי איז איינגעבוירן אין דער מענטשלעכער נאַטור און איז אַ רעכט, וואָס איז אומיושרדיק דעם מענטשן אָפּגעזאָגט געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט.

די דאָזיקע פרייהייט, די אַזוי־גערופענע סאָציאַלע

פרייהייט, האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ סך פאָרמען: פרייהייט פון געדאַנק אָדער געוויסן, פרייהייט פון פרעסע, פרייהייט פון פאַרזאַמלונג, פרייהייט פון פאַר־אייניקונג, פונקט אַזוי גוט ווי פרייהייט פון האַנדל, פרייהייט פון אינדוסטריע, פרייהייט פון אַרבעט, פריי־הייט צו פאַרמעגן (וואָס מיינט דאָס רעכט צו אייגנ־טום), אָדער די פרייהייט צו לאָזן פאַרמעגן בירושה. אין די פריער־דערמאָנטע דעקלאַראַציעס ווערט אָנ־גענומען, אַז פרייהייט איז אַן איינגעבוירענער שטריך אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אַז יעדערער דאַרף געניסן פון דער דאָזיקער פרייהייט אויף וויפל זי באַגרענעצט נישט די פרייהייט פון אַנדערע מענטשן.

איז ווען, בכן, ס׳זענען געקומען מאַרקסיסטן און גענומען קריטיקירן שאַרף די דאָזיקע ביידע קאָנצעפּ־ציעס וועגן פרייהייט, סיי די אינדיווידועל־פּסיכאָלאָ־גישע און סיי די אַזוי־גערופענע סאָציאַלע פרייהייט, איז עס געווען נישט מחמת דעם, וואָס די פרייהייטן זיינען נישט נייטיק פאַר דער מענטשלעכער ווערדע, פאַר זיין חשיבות, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין די ביידע קאָנצעפּציעס וועגן פרייהייט געזען אַ פאַלשע אויס־טייטשונג פון דער אידייע וועגן פרייהייט; נאָר דער־פאַר, ווייל פרייהייט עקזיסטירט נאָך היינט בכלל נישט. פרייהייט איז אַן אידעאַל, וואָס דאַרף ערשט בהדרגה, גראַדועל רעאַליזירט ווערן, מחמת פרייהייט מיינט די אומאויפהערלעכע באַמיאונג פונעם מענטש צו באַ־פרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט צו דער נאַטור, און טריט ביי טריט זיך אויפהייבן צו אַ העכערער מדרגה פון עקזיסטענץ.

„פרייער ווילן“ איז שוין קריטיקירט געוואָרן דורך אַ היפּשער צאָל פילאָזאָפן פאַר מאַרקסן. און דאָ האָט מאַרקסיזם קיין סך נישט מחדש געווען. ס׳איז אין דער פילאָזאָפיע אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך צו דערקלערן, אַז פרייער ווילן איז אַן אילוזיע, אַז דער מענטש האָט נישט די מאַכט צו טון, וואָס נאָר ס׳ווילט זיך אים אָן שום ישוב הדעת, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז אונטערגעוואָרפן פונקט אַזאַ שטרענגן דעטערמיניזם, ווי דער וואָס עקזיסטירט אין דער גאַנצער נאַטור. אמתע פרייהייט קאָן נישט, דעריבער, דורך אַ מאַך מיט דער האַנט מיט אַ מין כישוף־שטעקעלע צונישט מאַכן דעם דעטערמיניזם אין דער נאַטור, כדי צו קענען טאָן אַלצדינג, וואָס נאָר ס׳פאַלט איינעם איין און אונטער אַלע אומשטענדן. אמתע פרייהייט פונעם מענטשלעכן ווילן באַשטייט אינעם פאַרשטיין די געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון זיין כאַראַקטער און ווילן, כדי זיך צו קאָנען באַפרייען פון דער געפענטעטקייט און פאַרשקלאַפטקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור.

דעם דאָזיקן געדאַנק קאָן מען טרעפן אין די אַרבעטן פון טייל פילאָזאָפן, בפרט אין די ווערק פון שפינאָזען, וועלכער האָט אים אויסגעדריקט אויף זיין גאונישן אופן. פאַראַן ביי שפינאָזען אַ מאמר, וואָס ווערט אָפט ציטירט, אין וועלכן ער זאָגט, אַז די אמתע באַפרייאונג פונעם מענטשנס טואונגען באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש ווערט באַוואוסטזיניק וועגן זיין פאַרשקלאַפטקייט — צו דער דרויסנדיקער נאַטור אַזוי גוט ווי צו זיינע עמאָציעס. די דאָזיקע אידייע האָט תמיד געהאַלטן אין איין אַריינדרינגען אינעם פילאָזאָ־

פישן געדאַנק. אמתע פרייהייט פון גייסט עקזיסטירט בלויז דערפאַר, ווייל ס'זיינען אין דער נאַטור פאַראַן געזעצן; און היות דער מענטשלעכער כאַראַקטער האָט אויך זיינע געזעצן, קאָן דעריבער דער מענטש בייטן זיין כאַראַקטער, ווען ער באַנוצט זיך מיט די דאָזיקע געזעצן.

די דאָזיקע אידייע האָט מאַרקסיזם גענומען קודם כל ביי שפּינאָזען, בפרט ביי העגעלן. העגעל, למשל, נוצט אָט אַזאַ פאָרמולע: ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז מענטשלעכע טואונגען דאַרפן דערקלערט ווערן דורך סיבות, זיי ווערן אַלע דעטערמינירט, ד. ה., אַז אַלע זייערע טואונגען ווערן דעטערמינירט, באַשטימט דורך סיבות, וואָס זיינען דרויסן פונעם מענטש און זיינען פון אים נישט אָפּהענגיק; אָבער, גיט ער צו: „נויטווענ־דיקייט איז בלינד אויף אַזוי פיל בלויז, אויף וויפל זי [די נויטווענדיקייט] איז אומפאַרשטענדלעך". אויף אַזוי פיל אָבער, אויף וויפל אַ מענטש דערקענט די נויטווענדיקייט — דאָס מיינט, ער דערקענט די געזעצן פון זיינע עמאָציעס און ווילן — אויף אָט אַזוי פיל קאָן ער זיך אויסלערנען צו נוצן זיי פאַר זיין אייגענעם וואוילזיין, צו ענדערן זיך, צו איבערפורעמען זיין כאַ־ראַקטער, ד. ה. צו זיין פריי.

הכלל, פרייהייט פונעם מענטשלעכן ווילן איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר ווערן דערמיט געבוירן. נישטאָ קיין פאַרטיקע פרייהייט; נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל דער מענטש לערנט זיך אויס צו נוצן די גע־זעצן פון זיין נאַטור, אויף אָט אַזוי פיל קומט, טריט ביי טריט, זיין באַפרייאונג. אַ מענטש איז נישט פריי בלויז דערפאַר ווייל ער איז אַ מענטש. ווען אַ מענטש

הייבט אָן צו אַנטוויקלען זיין פאַרשטאַנד און שכל הישר און נעמט זיך צו זיי צוהערן — הייבט ער אין דער זעלבער מאָס אָן צו ווערן פריי; און ווען ער קומט צו דער מדרגה, אַז ער קאָן באמת שוין זיין אַ ראַציאָנעלער, שכלדיקער מענטש, — דאָס מיינט, אויב ער קאָן זיינע אַלע טואונגען דירעקטירן דורך ראַציאָנעלע, שכל־דיקע מאָטיוון און נישט דורך די זיך כסדר בייטנדיקע עמאָציעס, — וועט ער אויף אַט אַזוי פיל קאָנען אַלץ מערער און מערער ווערן פריי. אַ מענטש, וואָס פאַלט גיך אַריין אין כעס, ווען ער פאַרשטייט נישט זיין איי־גענעם כעס, ווען ער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן זיין כעס, וועט ער זיין אַ שקלאַף צו זיין כעס, און זיינע טואונגען וועלן אָנשטאָט באַהערשט צו ווערן דורך זיין שכל, דאָמינירט ווערן דורך זיינע עמאָציעס. וואָס בע־סער אַ מענטש קען זיך אַלייך, אַלץ מערער וועט זיך אים איינגעבן צו באַפרייען זיך, צו ווערן באמת אַ פרייער מענטש. אַ פרייער מענטש איז יענער מענטש, וואָס ווייסט ווי זיך צו באַנוצן מיט דער טייערסטער מתנה, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט — זיין שכל.

---

פונקט ווי דער מענטש קאָן זיך באַהערשן און זיך אויפהייבן איבער דער פאַרשקלאַפטקייט צו זיינע עמאָ־ציעס, קאָן ער פונקט אַזוי זיך אויפהייבן איבער דער פאַרשקלאַפטקייט צו דער דרויסנדיקער נאַטור. מיט דרויסנדיקער נאַטור ווערט געמיינט די געזעצן פון דער דרויסנדיקער וועלט — די פיזישע, כעמישע און פי־זיאָלאָגישע. דער מענטש איז די דאָזיקע געזעצן אונ־טערגעוואָרפן אויף אַזוי פיל אויף וויפל ער פאַרשטייט זיי נישט. אויב אָבער ס׳גיט זיך אים איין צו פאַר־

שטייך זיי, האָט זיך אים שוין איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פון זיי דורכן קאָנטראָלירן זיי און זיי אויסנוצן. דאָס איז דער גרונט־געדאַנק אין דער היינטצייטיקער וויסנ־שאַפט. עלעקטריציטעט, למשל, ווערט באַהערשט דורך דעם, וואָס זי ווערט אויסגענוצט צו פּראָדוצירן ליכט און קראַפט, א. אַז. וו.

איז דער דאָזיקער געדאַנק, אייגנטלעך, נישט בלויז אַ מאַרקסיסטישער. דער גרויסער אויפטו פונעם מאַרקסיזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די דאָזיקע אידייע גענומען אָנווענדן נישט נאָר אינעם פעלד פונעם מענטשלעכן ווילן און עמאַציעס און נישט נאָר צו דער דרויסנדיקער נאַטור, נאָר אויך צו די געזעצן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. מאַרקסיזם האָט גענו־מען דערוויזן, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט פּרע־זענטירט זיך אין דער אמתן אויפן זעלבן שטייגער ווי די פיזישע נאַטור — ווי אַ רעאַלקייט, וועלכע מיר קאָ־נען נישט פורעמען ווי עס ווילט זיך אונדז, אַ רעאַל־קייט וועלכע שטעלט זיך אונדז אַנטקעגן; און נאָר דע־מאָלט בלויז וועלן מיר בכוח זיין בייצוקומען דאָס דאָ־זיקע אַנטקעגנשטעלן זיך, ווען מיר וועלן די רעאַלקייט שטודירן כדי אויסצוגעפינען ווי זיך צו באַנוצן מיט אירע געזעצן. און כאָטש די דאָזיקע אידייע איז, בכלל גענומען, נאָך כמעט ניי אין דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע — איז אָבער פאַקטיש אַ לאַנגע צייט שוין ווי דער מענטש האָט אויסגעפונען, אַז ער קאָן מיט דער דרויסנדיקער וועלט נישט טאָן אַלצדינג, וואָס נאָר ס׳גלוסט זיך אים.

דער פאַקט איז, אַז די נאַטור־דערשיינונגען האָבן זיך דעם מענטש תמיד אויסגעוויזן ווי אומבאַקאַנטע

אויסטערלישע כוחות, וועלכע הערשן איבער אים און מיט וועלכע ער מוז שטענדיק זיך רעכענען. פון דער אַנדערער זייט האָט דער מענטש אַ לאַנגע צייט גע־מיינט, אַז ווען ס׳קומט אָבער צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט — אָט דאָ איז ער דער באַלעבאָס, אַז דאָ קאָן ער מיט איר אקוראט טון אלצדינג, וואָס נאָר ער וויל. וואָרום די געזעלשאַפט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם אַלגעמיינעם ווילן פון די מענטשן, וואָס לעבן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. מיר האָבן אַלעמאָל געמיינט, אַז דאָס האָבן מיר מיט אונדזער אייגענעם ווילן געשאַפן דעם סאָציאַלן סדר אין וועלכן מיר לעבן. האָבן מיר נישט געוואָלט ליידן, ווען מ׳האָט געגומען אויפווייזן, אַז די געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן, ווערט רעגולירט דורך כוחות אי־בער וועלכע אונדזער ווילן האָט גאָר קיין שום שליטה נישט. דערצו האָט דער מענטש, ביז נישט לאַנג צו־ריק, אַנשטאָט צו אַנטוויקלען אַ סאָציאָלאָגיע — דאָס מיינט די לערע וועגן געזעלשאַפטלעכן לעבן — זיך אָפּגעגעבן מיט אויסטראַכטן אוטאָפּיעס, מיטן אויסלייגן פּלענער פאַר אַן אידעאַלער געזעלשאַפט. אמת, די אור־טאָפּיסטן האָבן אויפן פּאַפּיר אָנגעצייכנט הערלעכע פּלע־נער, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז די רעאַליזירונג פון די דאָזיקע פּלענער געוועגדט זיך בלויז אָן די מענטשן.

די ביטערע דערפאַרונג האָט אָבער געוויזן, אַז דאָס איז נישט געוועגדט בלויז אין אונדז. ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די געזעלשאַפט שטעלט זיך אונדז אַנט־קעגן — שטעלט זיך אַנטקעגן אונדזער ווילן און אונ־דזער שטרעבן, פּונקט ווי ס׳שטעלן זיך אונדז אַנטקעגן די דערשיינונגען פון דער דרויסנדיקער נאַטור. פאַר־

שטענדלעך, אַז דער וואונטש אַליין פאַר גוט וועטער און פאַר זונשיין איז אַ קנאַפּע סגולה פאַר גוטן וועטער און זונשיין; פּונקט אַזוי איז פאַר מענטשן נישט גענוג דער וואונטש בלויז פאַר גליקלעכקייט, פאַר אַ יושרדיקער געזעלשאַפט, אַז מלחמות, אָרעמקייט און נויט זאָלן פאַרשווינדן פון דער ערד. צו זאָגן בלויז, אַז מ'איז קעגן מלחמה האָט פּונקט אַזאַ האַפּט ווי מ'זאָל זאָגן, אַז מ'איז קעגן אַ ציקלאָן, אָדער אַז מ'איז קעגן קראַנקהייטן, וואָס פּלאָגן די מענטשן. די געזעלשאַפט איז, פּונקט ווי די נאַטור אין דער דרויסנדיקער וועלט, אונטערגעוואָרפן צו שטרענגע געזעצן. צו זיין בכוח צו ענדערן די געזעלשאַפט, מוז מען זי פאַרשטיין און אויספאָרשן אירע געזעצן.

דער דאָזיקער ענין ווערט קלאָר אַרויסגעברענגט דורך פרידריך ענגעלסן אין זיין אַנטי־דיורינג. ער זאָגט דאָרטן: „העגעל איז געווען דער ערשטער ריכטיק צו דערקלערן די שייכות צווישן פרייהייט און נויטווענדיקייט. פאַר אים איז פרייהייט דאָס אָפּשעצן די נויטווענדיקייט. נויטווענדיקייט איז בלינד אויף אַזוי פיל אויף וויפל זי ווערט נישט פאַרשטאַנען. פרייהייט באַשטייט נישט אין דער איינגעבילדעטער אומאָפּהענגיקייט פון די נאַטור־געזעצן, נאָר אינעם דערקענען די דאָזיקע געזעצן און אין דער מעגלעכקייט, וואָס ווערט דורך דעם געשאַפן סיסטעמאַטיש זיי אויסצונוצן פאַר באַשטימטע צילן. ... פרייהייט באַשטייט דעריבער אין דעם קאָנטראָל איבער זיך אַליין און איבער דער דרויסנדיקער נאַטור, אַ קאָנטראָל, וואָס איז באַגרינדעט אויפן פאַרשטיין די נויטווענדיקייט אין דער נאַטור; אַט־אָ דאָס איז, בכן, אַ פּראָדוקט פון היסטאָ־

רישער אַנטוויקלונג".

איז דאָ וויכטיק צו באַטירן, אַז ווען ענגעלס רעדט דאָ וועגן „קאָנטראָל איבער זיך אַליין" מיינט ער נישט בלויז דעם זעלבסט־קאָנטראָל פונעם יחיד, נאָר אויך דעם קאָלעקטיוון קאָנטראָל פון מענטשן איבער זייערע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַציאונגען אין גאַנצן און גרויסן גענומען.

אויך אין זיין „לודוויג פייערבאַך" דערקלערט ענגעלס וועגן דעם דאָזיקן ענין, אַז כאָטש מענטשן זיינען, אָן שום ספק, באַוואוסטזיניק און לייגן זיך פריער גוט איבער, ווען זיי טוען עפּעס־וואָס אין דער געזעלשאַפט, טוען זיי אָבער נישט אַלעמאָל דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט טון, און די רעזולטאַטן זיינען, געוויינלעך, אינגאַנצן אַנדערש פון דעם צו וואָס זיי האָבן געצילט. אָט דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס היסטאָרישע געשעענישן זעען אונדז אויס ווי זיי וואָלטן פאָרגעקומען דורך עפּעס אַ צופאַל — אַ צופאַל, וואָס קומט אָבער נישט פאָר דורך כלומרשט כאַאָטישע כוחות אָן שום ציל, נאָר וועלכער איז פאָרגעקומען אַדאַנק די צווישנאַנאַנדיקע פאַרבינדונגען פון אונדז אומבאַקאַנטע געזעצן, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט. אויף אַזוי פיל אויף וויפל מענטשן וועלן קאָנען וויסן פאָראויס, וואָס ס'וועלן זיין די קאָנסעקווענצן פון זייערע טואונגען, דאָס מיינט, אויף וויפל זיי וועלן פאַרשטיין די געזעצן, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט, אויף אָט אַזוי פיל וועלן זיי זיין באמת בכוח צו טון אַקוראַט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט טון. אָט דעמאָלט ערשט וועלן מענטשן קריגן די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון די געזעצן, וואָס הערשן איבער זיי אינעם סאָציאַלן לעבן.

הכלל, ביז אַהער זיינען מענטשן פּאַקטיש געווען נישט נאָר קנעכט צו זייערע עמאָציעס, ווי צו די געזעצן פון דער נאַטור אין דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר אויך שקלאַפן צו די געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, וועגן וועלכע זיי האָבן געהאַט די אילוזיע, אַז זיי פירן מיט זיי אָן, אָבער וועלכע האָבן אין דער אמתן גאָר אָנגעפירט מיט די מענטשן, לויט זייערע אייגענע געזעצן נאָך, אויסלאַכנדיק זיך פון די אַלע פּלענער, באַגערן און וואונטשן פון די מענטשן.

די לערע וועגן דער געזעלשאַפט — ד. ה. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, ווי ער איז באַגרינדעט געוואָרן דורך קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס — דאַרף די מענטשן געבן די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון יענע סאָציאַלע נויטווענדיקייטן, וועלכע האָבן ביז אַהער זיי צעריבן, בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבן די דאָזיקע נויטווענדיקייטן נישט פאַרשטאַנען. דער מענטש דאַרף אין דער אייגענער צייט זיך באַפרייען פון אַלע פאָרמען פון קנעכטשאַפט.

כדי קאָנען איבערגיין פונעם קיניגרייך פון נויטווענדיקייט צום קיניגרייך פון פרייהייט מוז דער מענטש, קודם ריכטיק אָנהייבן פאַרשטיין די געזעצן פון דער נאַטור און פון דער געזעלשאַפט. כל זמן אָבער די וויסנשאַפט האָט זיך נישט אויפגעהויבן צו אַ געוויסער שטופע, האָט קיין אמתע פרייהייט נישט געקאָנט זיין.

וואָס־זשע דאַרף אָזוינס איז געווען דאָס, וואָס מענטשן האָבן ביז אַהער אָנגערופן סאָציאַלע פרייהייט? דאָס איז געווען דער פאַקט, וואָס די מענטשן האָבן אויפן לאַנגן, שווערן וועג פאָראויס, טריט ביי טריט,

דערגרייכט יענע מדרגה, ווען זייער וויסנשאַפט און טעכניק האָבן זיי ענדלעך געגעבן אַ געוויסע מאַכט איבער דער נאַטור. אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט איז די דאָזיקע מאַכט טאַקע נישט גענוג געווען אַלע מענטשן צו באַפרייען פון דער פאַרשקלאַפטקייט צו דער נאַטור. די באַשאַפונג פון די ערשטע געצייגן האָבן דעם מענטש געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך מער אויסצושפרייטן אין דער וועלט און געווינען מער אומאָפּהענגיקייט. אָבער בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן זיינען דעמאָלט געווען בכוח צו באַפרייען זיך. בלויז אַ קליינע מינאָריטעט. די רעשט מענטשן זיינען ווייטער געבליבן אונטערגעוואָרפן צו שקלאַפעריי. און אָט אַזוי־אַרום הייבט זיך אָן די קלאַסן־צעטיילונג. געציילטע מענטשן בלויז זיינען געווען פריי, און זייער פרייהייט האָט זיך געהאַלטן אויף דער אומפרייהייט פון דער גאָר גרויסער מאַסע פון דער מענטשהייט, וואָס האָט אויף זיי געמוזט אַרבעטן.

פרייהייט איז, בכן, אין יענע צייטן געווען בלויז אַ קלאַסן־פריווילעגיע. די גרויסע מאַיאָריטעט מענטשן, די שקלאַפן בעת דער שקלאַפעריי און די פּאַנשטשיזניקעס בעתן פעאָדאַליזם, האָבן געמוזט שווער און ביטער פראַצעווען, כדי אויפצוהאַלטן מיט אַלעם גוטן אַ הייפל פריווילעגירטע, פון וועלכע אַ טייל האָבן זייער ליידיקע צייט געווידמעט דער אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן, ליטעראַטור און די שיינע קונסטן. די צעטיילונג אין קלאַסן, — און שוין פאַר מאַרקסן זיינען געווען גענוג אַזוינע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען דעם פולן באַדייט פון דער קלאַסן־צעטיילונג אין דער געזעלשאַפט, — אָט די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אין קלאַסן

איז געווען דער נייטיקער פאַרבאַדינג, וואָס האָט מעג־לעך געמאַכט דעם פאַראויסגאַנג פון דער ציווילִיזאַ־ציע און דעם סאָציאַלן פּראָגרעס. ציווילִיזאַציע איז אימשטאַנד געווען צו מאַרשירן פאָראויס דערפאַר, ווייל ס'איז געווען אַ קלאַס, וועלכער האָט זיך באַפרייט פון דער שווערער, קאַטאָרזשנער טאָג־טעגלעכער האָרע־וואַניע. און דער דאָזיקער קלאַס האָט געגלויבט, אַז בלויז ער אַליין איז ראוי צו געניסן פון פרייהייט.

אַזוי פאַרגייען הונדערטער און הונדערטער יאָרן. אין אַכצנטן יאָרהונדערט אָבער קומט אויף אַן אַנדער אידייע וועגן פרייהייט, וועלכע שפּאַרט זיך אָן אויף דער אידייע פון גלייכהייט, די אידייע, וואָס איז אויס־געצייטיקט געוואָרן דורך די גרויסע ענציקלאָפּעדיסטן און אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער דעקלאַראַציע וועגן מענטשלעכע רעכט און דער אַמע־ריקאַנער דעקלאַראַציע וועגן אומאָפּהענגיקייט. די דאָ־זיקע נייע אידייע לאָזט זיך דערקלערן דורך דער אַנט־וויקלונג פון דער ציווילִיזאַציע, דורכן פּראָגרעס פון ווִיסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע.

דער דאָזיקער פּראָגרעס האָט מעגלעך געמאַכט פאַר מענטשן פאָראויסצוזען די קאָנטורן פון אַ געזעל־שאַפט, אין וועלכער די פּראָדוקציע וועט, אַדאַנק דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון ווִיסנשאַפט און טעכנאָ־לאָגיע, זיין גרויס גענוג צו באַפרידיקן די באַדערפע־נישן און נויטן פון אַלע מענטשן. דאָס מיינט דאָס זעלבע, ווי מ'וואָלט זאָגן, אַז אַלע מענטשן דאַרפן האָבן אַ צוטריט צו יענער פּריווילעגירטער פרייהייט, וועלכע ס'האָבן ביז דעמאָלט פאַרמאָגט בלויז אַ הייפל. צו זיין פּרעציזער, — פרייהייט איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט

פאַר אַ ביז דעמאָלט נידעריקן קלאַס, וועלכער האָט זיך דערפילט בכוח [illegible]נצופירן מיט דער געזעלשאַפט און האָט פראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די פעאָדאַלן האָבן פאַרכאַפּט אַלע פרייהייטן פאַר זיך. אָט אַזוי האָט דער בורזשואַזער קלאַס דעמאָלט, אין אַכצנטן יאָרהונדערט, גענומען פאָדערן פרייהייט ביי די פעאָדאַלן, וועלכע האָבן ביד־חזקה פאַרכאַפּט די פרייהייט און אינאיינעם דערמיט די פריווילעגיעס, וואָס די פרייהייט האָט זיי געגעבן לגבי די אַנדערע קלאַסן. כדי די פאָדערונג זייערע פאַר פרייהייט פאַר זיך זאָל האָבן אַ סך מער האַפט, האָבן די בורזשואַזע טעאָרעטיקער אין אַכצנטן יאָרהונדערט דער דאָזיקער פאָדערונג געגעבן אַן אוניווערסאַלן, אַלגעמיינעם כאַראַקטער: פרייהייט, האָבן זיי געטענהט, איז אַן אייגנשאַפט, וואָס איז איינגעבוירן אין דער מענטשלעכער נאַטור. פון דער פרייהייט דאַרף געניסן יעדער מענטש שוין בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ מענטש. דערמיט האָט די בורזשואַזיע געזוכט צו געווינען די שטיצע פון די מאַסן, אין וועלכער זיי האָבן דעמאָלט זיך געניטיקט, אין זייער קאַמף אַנטקעגן די פעאָדאַלע הערשער.

האָט אָבער פאַרן גרויסן רוב פון דער מענטשהייט די דאָזיקע פרייהייט געמוזט בלייבן אַבסטראַקט און, דעריבער, אילוזאָריש. פאַרוואָס? מחמת אין יענער היסטאָרישער עפּאָכע איז די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג, ד. ה. די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות, נאָך נישט געווען גענוגנדיק כדי אַלע מענטשן צו באַזאָרגן מיט אמתער פרייהייט. די מכלומרשט גלייכע רעכט פאַר אַלע מענטשן, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן ביים סוף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט און אי־

נעם ניינצנטן יאָרהונדערט, איז געווען, אייגנטלעך, ניט מער ווי אַ גרעסערע אויסשפּרייטונג פון די אַלטע פּרי־ווילעגיעס צו נייע גרופּעס, אָדער די איינשטעלונג פון נייע פּריווילעגיעס פאַר אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס. בקיצור, דאָס האָט פּשוט געמיינט, איין הערשנדיקער קלאַס איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַן אַנדערן.

אין איר פּראָגרעסיוון באַגינען האָט די בורזשואַזיע פּראָקלאַמירט, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך און אַז אַלע פאַרמאָגן, דעריבער, אַ געוויסן סכום פרייהייטן, ווי, למשל, די פרייהייט זיך צו פאַרנעמען מיט מסחר. וואָס־זשע האָט אין דער אמתן געמיינט די דאָזיקע פרייהייט צו האַנדלען? טעאָרעטיש האָט עס טאַקע געמיינט, אַז אַלע מענטשן זיינען פריי זיך צו פאַרנעמען מיט מסחר. פאַקטיש איז עס אָבער אַזוי נישט געווען. דאָס איז געווען פרייהייט פאַר יענע, וואָס האָבן פאַר־מאָגט גענוג געלט מיט וואָס צו האַנדלען און צו קאָנען אומגעשטערט אָנגיין מיט זייער האַנדל; דאָס האָט געמיינט פרייהייט פאַר יענע, וואָס האָבן שוין לכתחילה פאַרמאָגט געוויסע פּריווילעגיעס און די דאָזיקע פּרי־ווילעגיעס אויסגענוצט כדי זיי ווייטער אָנצוהאַלטן.

דאָס אייגענע איז אויך אמת וועגן דעם רעכט צו אייגנטום. וואָס־זשע אַזוינס האָט, לויט דער פריער דערמאָנטער קאָנצעפּציע, געמיינט דאָס רעכט צו אייגנ־טום? ס'האָט געמיינט, אַז איטלעך איינער האָט אַ רעכט צו פאַרמאָגן וואָס ס'איז נישט איז. וואָס איז אָבער, אין דער ווירקלעכקייט, פון דעם דאָזיקן רעכט געוואָרן, און ווער האָט צו דעם דאָזיקן רעכט געקאָנט זיך דער־שלאָגן? דאָס רעכט צו אייגנטום, ווי ס'עקזיסטירט אונטערן בורזשואַזן רעכטלעכן סיסטעם, איז דאָס רעכט

פונעם אייגנטימער צו האַלטן זיין פאַרמעגן, נישט געקוקט דערויף, ווי ווייטגייענדיק אָדער שעדלעך דאָס איז פאַר אַנדערע, און נישט צולאָזן פאַר אַנדערע די מינדסטע מעגלעכקייט צו דערווערבן זיך אייגנטום.

מיינט דאָס אפשר, אַז די אידייע וועגן אמתער סאָציאַלער פרייהייט איז נישט מער ווי אַ טעאָריע און וועט תמיד מוזן בלייבן אויפן פאַפּיר? בשום אופן נישט. זי קאָן און וועט עווענטועל רעאַליזירט ווערן, בלויז דורך אַן אַלץ גרעסערן אויסוואוקס פונעם מענטשנס מאַטעריעלע כוחות. וואָס מערער ס׳גיט די מענטשן זיך איין צו פאַרגרעסערן די פראָדוקציע פון אַרטיקלען צו באַפרידיקן זייערע נויטן און באַדערפעניש, אַלץ מערער גיט זיך זיי איין די דאָזיקע אַרטיקלען צו פראָדוצירן מיט ווינציקער אַרבעט און דורך אַן אַלץ גרעסערער אויסנוצונג פון די נאַטור־כוחות פאַר זייערטוועגן. דאָס מיינט פשוט, אַז וואָס מערער די מעכאַניזירונג פאַרבייט מענטשלעכע האָרעוואַניע, אַלץ מערער שאַפט זיך די מעגלעכקייט פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע מענטשן. און אָט דאָס, ווידער, געווענדט זיך איינגאַנצן אין דעם, אויף וויפל די מענטשן וועלן פאַרשטיין די געזעצן, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט, פונקט אַזוי ווי די געזעצן, וואָס הערשן אין דער נאַטור. וואָרום וואָס קומט אַרויס פון אַ פאַרגרעסערטער פראָדוקציע, וואָס שאַפט אַזוי פיל עשירות, אַז זי איז כאַאָטיש און רופט כסדר אַרויס עקאָנאָמישע קריזיסן, סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און אינטערנאַציאָנאַלע מלחמות, אַנטקעגן וועלכן מענטשן פילן זיך אַזוי אומבאַהאָלפן ווי פאַר אומפאַרמיידלעכע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע זיי ווייסן נישט ווי זיי צו פאַרמיידן.

ס׳איז דאָך קיין שום ספק נישט, אַז אַ מענטש, וואָס אַרבעט זיינע זעקס־זיבן שעה אַ טאָג און פאַר־דינט דערביי גענוג פאַר אַ לייטיש מענטשלעך לעבן — אַז אָט אַזאַ מענטש קאָן באַטראַכט ווערן פאַר אַ סך מער פרייערן מענטש ווי יענער, וואָס מוז פאַר די זעלבע שכירות, אָדער נאָך קלענערע, אַרבעטן צוועלף שעה אַ טאָג און נאָך מערער אפילו. און אויך דאָס איז אַ זיכערע זאַך, אַז אין אַ סאָציאַלן סיסטעם, וואו דער מאַקסימום וועט פאַר קיינעם נישט זיין מער ווי אַ זעקס־זיבן שעה — אַז אין אָט אַזאַ סיסטעם וועט פריי־הייט פאַר אַלע מענטשן האָבן דערגרייכט אַ זייער הויכע מדרגה. אַ רעזשים אונטער וועלכן קיינער וועט נישט מער דאַרפן אַרבעטן ווי זיינע פינף־זעקס שעה אַ טאָג — אַזאַ רעזשים וועט פאַרגרעסערן די אַלגעמיינע פריי־הייט דורכן אויסשפרייטן זי גלייך פאַר יעדערן.

כדי פריי צו זיין מוזן דאָך מענטשן, נאַטירלעך, קודם כל, לעבן. און כדי צו קאָנען לעבן מוז מען דאָך אַרבעטן, — צי ס׳ווילט זיך יאָ אָדער נישט, — מחמת מען מוז דאָך פּראָדוצירן די אַלע זאַכן, וואָס אָן זיי קאָן דאָך נישט געמאָלט זיין קיין לעבן. ווי אַזוי דאָס ווערט געטאָן איז שוין אָן אַנדער פראַגע. מוזן דען מאַסן אַרבעטער ביי זייער שווערער אַרבעט אומיושרדיק פאַרלירן זייער מענטשלעכקייט, בעת אַנדערע לעבן אין איבערגעטריבענעם לוקסוס, און גאַנץ אָפט לאַנגווייליק אין נודנע, ווייל די אַרבעטער דאַרפן פּראָדוצירן די נייטיקע אַרטיקלען צום לעבן פאַר אַלעמען? איז די דאָזיקע נויטווענדיקע סאָציאַלע פּראָדוקציע אַזוי אָר־גאַניזירט, אַז מ׳זאָל קאָנען פּראָדוצירן דעם מאַקסימום גוטע זאַכן מיטן מעגלעכסט קלענסטן סכום אַרבעט פון

אַלעמען? אָפּעריִרט היינט דער פּראָדוציר־סיסטעם אַזוי ראַציאָנעל, שכלדיק, אַז אַלע מענטשן זאָלן צו יעדער צייט קאָנען קריגן דעם בעסט מעגלעכן לעבנס־סטאַנדאַרד, וואָס די היינטיקע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָבן געמאַכט מעגלעך? מוזן עס טאַקע מענטשן אַרבעטן לאַנגע שעהן און דער־צו נאָך אַרויסיאָגן זיך די נשמה, אַזוי אַז אין זייער פרייער צייט בלייבט זיי נישט מער איבער ווי צו עסן און שלאָפן, כדי מאָרגן ווידער צו קאָנען אַרבעטן ווי נעכטן? און צי ווערן דען די מיינסטע אַרבעטן היינט אַדורכגעפירט ביי באַדינגונגען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו דער מענטשלעכער נאַטור?

דער געוויינלעכער ענטפער אויף אָט די פראַגן אונטערן קאַפּיטאַליזם איז באַקאַנט, און דער איינציק מעגלעכער אויספיר איז דעריבער, אַז מענטשן האָבן אפילו אין דער דאָזיקער נידעריקער ספערע פון מענטש־לעכער אַקטיוויטעט, וואָס מענטשלעכע אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר, נאָך נישט דערגרייכט קיין פרייהייט. מענטשן זיינען נאָך נישט פריי כל זמן זיי זיינען אין זייער געזעלשאַפט אונטערגעוואָרפן צו יענע שטריכן אין דער נאַטור, וועלכע צווינגען די איבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט צו אַ שווער לעבן פון אומאויפהערלעכער פראַצע.

קומט מען ווידער מיט אַזוינע מיני טענות: מיינט נישט אַמאָל דער פאַרלאַנג פאַר אַזאַ סאָרט פרייהייט — גאָר מקריב צו זיין די פרייהייט אויפן מזבח פון מאַ־טעריעלן וואוילזיין און זיכערקייט? אָדער ווי זיי דריקן זיך אויס: זיינען מענטשן גרייט מקריב צו זיין די גייסטיקע גיטער פון פרייהייט פאַר די מאַטעריעלע

— צו פאַרקויפן די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן?

ענטפערט דערויף מאַרקסיזם: ווער זאָגט עס, אַז פרייהייט איז קעגן מאַטעריעלן וואוילזיין און זיכער־קייט פאַר די פאָלקס־מאַסן? אַט אַזאַ מיינונג וועגן פרייהייט איז נישט מער און נישט ווינציקער ווי די אָפּגעלעבטע, פאַרעלטערטע אידייע, אַז פרייהייט מיינט פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג, וועלכע שטעלט זיך אַנטקעגן ביידע — סיי קעגן אַ מענטשלעך לעבן פאַרן פאָלק און סיי קעגן דער אמתער פרייהייט.

צווייטנס, איידער אַ מענטש איז פריי זיך אָפּצו־געבן מיט גייסטיק־אינטעלעקטועלע ענינים, איידער ער קאָן זיך פאַרטיפן אין וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, הנאה צו האָבן פון אַ קונסטווערק אין דער שיינער ליטעראַ־טור, טעאַטער, מוזיק און פון פּלאַסטישער קונסט; איי־דער ער קאָן זיך באַנוצן מיט די פּריווילעגיעס, וואָס פּאָליטישע און סאָציאַלע פרייהייט גיט אים, מוז ער דאָך עסן, טרינקען, זיך באַקליידן, האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. און אַט די אַלע זאַכן פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל פאַרטיקערהייט, מען מוז זיי דאָך פּראָדוצירן, שאַפן דורך מענטשלעכער אַרבעט.

דאָס פּראָדוצירן אַט די אַלע זאַכן, אָן וועלכע מענטשן וואָלטן קיין קיום נישט געקאָנט האָבן — אַט־אַ דאָס, בכן, שטעלט מיט זיך פאַר דעם מאַטע־ריעלן פונדאַמענט פונעם מענטשנס לעבן אויף דער ערד, און ס'איז אַט דער פונדאַמענט, וואָס דעטערמי־נירט דעם לעבנס סאַמע פּרימערן, סאַמע גרונטאַוונעס, סאַמע איינפלוסרייכן און דורך און דורך דורכדרינגענ־דיקסטן כאַראַקטער. די צרה איז נאָר, וואָס צוליב דער ספּעציפישער נאַטור פון די עקאָנאָמישע באַציאונגען

אונטערן קאַפּיטאַליזם, פאַרגעסן די מיינסטע אינטע־לעקטואַלן דעם האַרטנעקיגן פאַקט, אָדער מאַכן זיך נישט וויסנדיק וועגן דעם, אַז אַן דער שווערער טאָג־טעג־לעכער אַרבעט פון אַנדערע מענטשן וואָלטן זיי גאָר־נישט געקאָנט אַזוי פריי זיין צו דענקען און צו שאַפן.

און אויב אין סאָמע פונדאַמענט איז קיין פרייהייט נישטאָ, טאָ ווי זשע קאָן מען דערוואַרטן פרייהייט אין דער אייבערגעבײַדע, וואָס האַלט זיך אויף אָט אַזאַ מין פונדאַמענט? און כאָטש ס׳שטעקט זיכער אַ גרויסער אמת אינעם אַריסטאָטלשן ווערטל, אַז דער מענטש איז בטבע אַ פּאָליטישער בעל־חי, איז ער אָבער קודם־כל אַן אַרבעטנדיקער, אַ געצייג־נוצנדיקער בעל־חי. כדי דעריבער, פרייהייט זאָל באמת זיין ממשותדיק, דאַרף זי זיך אָנהייבן אין פאַבריק און אויפן פעלד, אין דער מינע און אין שאַפּ.

זאָל דאָ אויך קלאָר ווערן, אַז מאַרקסיזם וויל דערמיט פעסטשטעלן דעם כלל גדול, אַז עקאָנאָמישע פרייהייט איז נישט נאָך עפּעס אַ פרייהייט, וואָס איז אַ צוגאָב צו פּאָליטישער, בירגערלעכער און אַנדערע פרייהייטן, נאָר איז דער פאַרבאַדינג, מוז קומען קודם כל פאַר אַלע אַנדערע פרייהייטן; אַז עקאָנאָמישע פריי־הייט מאַכט מעגלעך און שאַפט אַ פעסטן, רעאַלן יסוד פאַר אַלע אַנדערע פרייהייטן און ווייזט וואוהין זיי פירן.

די פרייהייטס־אידייע מוז איצט אויפגעהויבן ווערן אויף אַ נייער העכערער מדרגה. אַנטקעגן דעם הינ־טערגרונט פון די אומגעהויערע פּראָדוציר־כוחות אין דער היינטיקער צייט, וואָס ווערן אויסגענוצט פאַר פּרי־וואַטן פּראָפיט און נישט פאַרן נוצן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — קומט די דאָזיקע נייע אידייע וועגן

פרייהייט ווי אַן אַרויסוואוקס פון די נישט־באַפרידיקטע נויטן און באַגערן פון די גרויסע מענטשן־מאַסן פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשלעכן לעבנס־סטאַנדאַרד, פאַר עקאָנאָמישער און סאָציאַלער זיכערקייט, פאַר מאַטעריעלער און קולטורעלער דערהייבונג.

היות, אָבער, פאַרגרעסערטע פרייהייט פאַר אַלעמען שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַרקלענערונג פון פרייהייט פאַר יענע, וואָס האָבן ביז איצט גאָרנישט געטון, און וואָס וועלן אונטער אַזאַ רעזשים, גלייך מיט אַלעמען, דאַרפן אַרבעטן מינדעסטנס זייערע פינף־זעקס שעה אַ טאָג, איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי זאָלן דאָס באַטראַכטן ווי די סקאַנדאַליעזסטע אַטאַקע אויף זייער פערזענלעכער פרייהייט.

אַט דערפאַר טאַקע שטעלן זיך יענע אַלע, וואָס רופן זיך ליבעראַלן, אַזוי שטאַרק אַנטקעגן דער דאָזיקער אידייע וועגן פרייהייט, וואָס ווערט אַרויסגעפירט דורך מאַרקסיסטן. וואָרום ס'איז דער דאָזיקער סאָרט ליבעראַליזם, וואָס זיין ציל איז, קודם כל, צו קאָנסערווירן געוויסע פריווילעגיעס, וואָס האַלטן זיך אויף קלאַסן־אומגלייכקייט. דערמיט שטעלט זיך דער דאָזיקער ליבעראַליזם אַנטקעגן דעם עכטן און אמתן פראָגרעס, וואָס פירט צו פרייהייט פאַר אַלע מענטשן.

---

די דאָזיקע קאָנצעפּציע וועגן פרייהייט שטויסט זיך אָן אויף נאָך אַנדערע שוועריקייטן. איינע פון די די שוועריקייטן איז די אידייע, אַז „פרייהייט באַשטייט אינעם כוח צו טאָן אַלץ דאָס, וואָס שעדיקט נישט קיין אַנדערע“. איז אָבער נישט תמיד אַזוי גרינג אויסצורעכענען, וואָס ס'שעדיקט יאָ און וואָס ס'שעדיקט ניט

קיין אַנדערע. וואָרום ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז ס'איז אַ סך גרינגער איינזינען צו האָבן די אייגענע פרייהייט, ווי איינזינען צו האָבן דעם צווייטנס פרייהייט. און דאָס איז ריכטיק נישט נאָר ווען די פראַגע איז וועגן אַזאַ פרייהייט ווי די פרייהייט זיך צוצואייגענען פאַרמעגן, נאָר אויך ווען די פראַגע איז וועגן אַנדערע מינים פריי־הייטן — אַזוינע, למשל, ווי די פרייהייט פון געוויסן, דאָס מיינט, די פרייהייט פאַר איטלעך איינעם צו דענ־קען אויף זיין אופן, ווי ער פאַרשטייט און צו האָבן דאָס רעכט אויסצודריקן זיינע געדאַנקען.

די איינציקע, אמתע פרייהייט, בכן, שפּאַרט זיך אָן בלויז אויפן פונדאַמענט פון גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן; וואָרום שוין צו אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז פרייהייטן, וואָס מ'האָט געפאָדערט פאַר זיך איז געווען פשוט נישט מער און נישט ווינציקער ווי באַזונדערע פריווילעגיעס פאַר זיך.

ווען די מענטשהייט ווען עס איז צוקומען צו אמת־ער פרייהייט? ווירקלעכע פרייהייט וועט נישט אַראָפּ־פאַלן פון הימל פלוצים, מיטאַמאָל; זי קען בלויז קו־מען ביסלעכווייז, גראַדועל. אמתע פרייהייט וועט קו־מען בלויז אין אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אַזאַ גע־זעלשאַפט אָן קלאַסן, אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז אויפן וועג זיך צו רעאַליזירן. זי ווערט געבויט טריט ביי טריט, אויף וויפל די וויסנשאַפט האָט פראָגרעסירט, אויף וויפל דעם מענטשנס מאַכט איבער דער נאַטור האָט זיך פאַרגרעסערט. בלויז אַ קלאַסנלאָזע געזעל־שאַפט קאָן זיך פאַרגונען אַזאַ פרייהייט, דאָס מיינט, אַ פרייהייט ברייט גענוג אַרומצוכאַפּן די גאַנצע מענטש־הייט.

אמת, סאָציאַליזם היינט האָט נאָך אין זיך שטריכן פון פריערדיקע סאָציאַלע סיסטעמען, און ער קאָן במילא נישט באַטראַכט ווערן ווי דאָס לעצטע וואָרט אין דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלע סיסטעמען אין דער מענטש־לעכער געשיכטע. דער לוין־סיסטעם און נאָך אייניקע אַנדערע שטריכן פון די פריערדיקע סאָציאַלע סיסטע־מען; דאָס וואָס ס'פונקציאָנירט נאָך נישט דער פּרינ־ציפּ: „פון יעדן לויט זיינע פעיאיקייטן און יעדן לויט זיינע באַדערפענישן", אַט דאָס זעט פאַרן מאַרקסיסט אויס צו זיין באַגרעניצט און באַשרענקט. אָבער די פּאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די פּראָדוציר־מיטלען — דאָס, וואָס די פאַבריקן, מינען און אַז. וו. ווערן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט — אַט דאָס רע־פּרעזענטירט מיט זיך יענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, אַן וועלכער ווייטערדיקער פּראָגרעס וואָלט געווען אַבסאָ־לוט אוממעגלעך.

וואָרום שוין לויט זיין נאַטור נאָך פאַרגרעסערט סאָציאַליזם אויף אַזוי פיל די פּראָדוקטיווע קאַפּאַציטעטן פונעם סאָציאַליזירטן מענטש, אַז דאָס דערמעגלעכט אַ ווייטערדיקע העכערע אַנטוויקלונג. ראשית, דורך דעם, וואָס סאָציאַליסטישע פּראָדוקציע ווערט געפּלאַ־נירט פאַרן געברויך פון די מענטשן און נישט פאַר פּראָפיטן פאַר יחידים און קאַרטעלן, איז נישטאָ מער די מורא פאַר איבערפּראָדוקציע און פאַר טעכנאָלאָגי־שער אַרבעטסלאָזיקייט. די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיע איז מער ווי צופרידן איינצופירן די נייסטע אינדוסט־ריעלע דערפינדונגען, כדי צו קאָנען פאַרזיכערן אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד פאַר יעדערן. והשנית, אַדאַנק דער סאָציאַליסטישער פאָרם פון אָרגאַניזאַציע ווערט גע־

שאַפן סיי דער מאָטיוו און סיי די פּראַקטישע מעגלעכ־קייט פאַרן איבערגאַנג צו אַ העכערן שטאַפּל אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

ס׳איז דאָ נייטיק צו באַטאָנען, אַז מאַרקס און ענגעלס, די באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָבן קיינמאָל נישט געזוכט אָנצוצייכענען אַ מאָפּע, אַ דע־טאַלן פּלאַן פאַר אַ סטאַטישער, פאַרגליווערטער גע־זעלשאַפט שוין אויף תמיד, לעולם ועד. סאָציאַליזם האָט פאַר זיי געמיינט די פּאַר־הנחה, דער ערשטער שטאַפּל פאַר דער ווייטערדיקער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג צו אַן אַלץ העכערער פאָרם פון פרייהייט, סיי דורכן מענטשנס באַהערשן זיך אַליין, אַזוי גוט ווי די דרויסנדיקע נאַטור אַרום אים. סאָציאַליזם האָט פאַר זיי געמיינט די ערשטע שטופּע אינעם לאַנגן שווערן וועג, אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג, צו מענטשלעכן פּראָ־גרעס. דאָס איז אַן עטישער ציל, וואָס איז טיף איינ־געוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור און אין זיינע זיך בייטנדיקע באַציאונגען צו זיינע מיטמענטשן און צו דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט. מאַרקסיזם גלייבט באמונה שלמה, אַז דער דאָזיקער ציל וועט רעאַליזירט ווערן, אַז ער איז אומפאַרמיידלעך, אַדאַנק די כוחות אינעם מענטשלעכן לעבן און געשיכטע, ווי זיי מאַ־ניפעסטירן זיך אין דער היינטצייטיקער וועלט. ווײ־טער גלייבט ער, אַז אָט דאָס רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם העכסטן עטישן אידעאַל.

קאָן אָבער פרייהייט פאַר דער גרויסער מאַיאָרי־טעט מענטשן נישט דערגרייכט ווערן אָן געוויסע קרבנות. טייל וועלן אין אַזאַ מין פרייהייט פון גלייכע צווישן גלייכע, זען אַ פאַרקלענערונג פון דעם, וואָס זיי

רופן פרייהייט, וועלכע איז אין דער אמתן אַ פרייהייט צו פּריווילעגיעס, געבויט אויפן פונדאַמענט פון אומ־גלייכקייט. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס מ׳דאַרף נישט איג־נאָרירן. אָט דערפאַר טאַקע קומט פאַר, אַז ווען קלאַסן ווערן אָפּגעשאַפט אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, זעען אין דעם טייל מענטשן אַ באַרויבונג פון זייערע פּרי־ווילעגיעס. אין דער אמתן איז דאָס נישט קיין „אונ־טערדריקונג פון פרייהייט״, נאָר אַ גרעסערע מאָס פריי־הייט פאַר דער גאָר גרויסער מאַיאָריטעט מענטשן, וועלכע זיינען ביז אַהער געווען באַרויבט דערפון.

איז דאָך יעדער קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן דעם הערשנדיקן קלאַס און דעם אונטערגעדריקטן, פון די עלטסטע צייטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע ביזן היינטיקן טאָג, געווען אַ דיספּוט איבער פרייהייט. דער הערשנדיקער קלאַס האָט זיך מיט אַ מין אומגע־זעטיקטער זשעדנעקייט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו האַלטן איינגאַנצן פאַר זיך די ברכות פון פרייהייט, וועלכע די אַרבעט פון אַלע איבעריקע מענטשן האָבן פאַר אים געוואונען. די אונטערגעדריקטע האָבן זיך געראַנגלט צו ברעכן די דאָזיקע חזקה און זיך אויך דערהייבן צו פרייהייט דורכן באַפרייען די שאַפנדיקע ענערגיעס פון יענע, וואָס זיינען נאָך אומפריי. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַ צוטריט צום וויסן, אַזוי גוט ווי פאַר שפּייז, קליידער און אַן אָפּדאַך. איז דאָס אומ־מאָראַליש? דער הערשנדיקער קלאַס האָט געהאַלטן, אַז יאָ, ווייל ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיין פריי־הייט צו עקספּלואַטירן אַנדערע, צו נוצן זיי ווי אַ מיטל פאַר זיין וואוילזיין, איז פון אייביקן ווערט, גאָר נישט צום אָפּשאַצן, אַז דאָס איז פאַר דער טובה פון דער

מענטשהייט.

אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אָבער ווערט די שטרעבונג פונעם מענטש צו גליקלעכקייט מער נישט געהאַמעוועט דורך דער פאַטאַלער פראַגע: אויף וועמעס חשבון? די פּאָראורטיילן און קריגערייען, וואָס ווערן אַרויסגערופן דורכן סיסטעם פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, און וועלכע טרייבן מענטשן צו צעטיילונג און צעריסנקייט, — די דאָזיקע פּאָראורטיילן און קריגערייען ווערן געצוואונגען זיך אונטערצואוואַרפן צו די סאָציאַל־אָריענטירטע עמאָציעס, וועלכע פאַראייניקן די מענטשן. די אַלטע „פיינע מדות“, ווי רעזיגנאַציע, אונטערטעניקייט, הכנעה מצד די אונטערגעדריקטע און באַליידיקטע פון איין זייט, און אַגרעסיווקייט, חוצפּה און פּאַטראָניזירנדיקער רחמנות פון דער צווייטער זייט, ווערן פאַרביטן דורך קאָאָפּערירנדיקער דיסציפּלין צו פאַרגרעסערן די מאַטעריעלע און אינטעלעקטועלע פּראָדוקציע פון דער געזעלשאַפט, צו וועלכער יעדערער האָט איצט ערשט אַ פרייען צוטריט.

אָט דאָס איז דער וועג מיט וועלכן מאַרקסיזם גייט צו דער טעאָריע פון פרייהייט. דאָס איז אַזוי צו זאָגן אַ דינאַמישער צוגאַנג. פאַרן מאַרקסיזם איז פרייהייט נישט קיין פיקסירטע, סטאַטישע אָדער מעטאַפיזישע רעאַלקייט. פרייהייט ווערט נישט געוואונען אָן אַ קאַמף אַנטקעגן יענע, וואָס זיינען גאָר נישט אַזוי גליקלעך זיך צו טיילן מיט איר מיט אַנדערע. מיר זיינען איצט אַריין אין יענער עפּאָכע אין דער היסטאָריע, ווען די מענטשהייט קאָן באמת פריי זיין, מחמת דעם, וואָס וויסנשאַפט ווייזט אונדז דעם וועג ווי גובר צו זיין די

פאַרקנעכטעטקייט צו דער נאַטור. דער מענטש האָט איצט דערגרייכט יענע מדרגה, ווען ער איז בכוח צו טראַנספאָרמירן די וועלט פאַר זיין אייגענעם נוצן ווענן, און די לענדער אונטער סאָציאַליסטישע רעזשימען ווייזן דעם וועג ווי דער מענטש קאָן דערגרייכן זיין פרייהייט דורך זיין אייגענער שאַפנדיקער מי. אמת, פרייהייט איז דאָרט נאָך ווייט פון פולשטענדיקייט — אָבער זי האַלט כסדר אין אויסברייטערן זיך צו אַן אַלץ העכערער און פולקומענער פרייהייט פאַר אַלע מענטשן, דורך אַלץ נייערע און נייערע פאָרמען פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דורך זיין וועג־ווייזנדיקער פילאָזאָפיע ווייזט מאַרקסיזם איצט דעם וועג צו פרייהייט נישט נאָר פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער איבעריקער מענטשהייט.